# אשי ישראל השלם



## אידיש



כ"ב

# האמת מנצח תמיד

און איך - אזא קליין נפש'ל ווי איך, א אינגל פון זיבעצן יאר, א פראסטער בחור'ל, דער פראסט'סטער פון די גאנצע ישיבה... איך בין געווען א בן יחיד - א יחיד במינו... און דער בן יחיד'ל, דער אינגעלע, איז געווארן דערפון אזעלעכ'ס, אזא מין קידוש השם, למעלה מדרך הטבע.

און דער ראש זייערער - דער ראש המתנגדים, ער האט מיר גענומען אזוי ווי א חבר'ל, ער איז געגאנגען מיט מיר שפאצירן חוץ לעיר, און ער האט אין מיר אריינגעלייגט אזעלכע גיפטן פון התנגדות, אז איך האב אפגעמאכט ביי מיר אז איך וועל נישט זיין קיין ברסלב'ער! איך וועל לערנען די ספרים - קיין ברסלב'ער וועל איך נישט זיין...

נו, אז איך בין אזא קליינע נפש, וויאזוי איז געווארן ביי מיר אזא מין שינוי - אפלאזן די וועלט, מבטל זיין אזעלכע לומדים?! זעהט אויס אז דער אמת איז מנצח תמיד! דער אמת איז אזא שארפע זאך, אזעלעכס, דער אמת איז מנצח תמיד!

נאכדעם, אז כ'האב אפגעמאכט איך וועל נישט זיין קיין ברסלב'ער, אבער דאס הארץ האט מיר וויי געטוהן, ס'איז מיר געווען 'או לי מיוצרי או לי מיצרי'. ער האט מיר אריינגעלייגט גיפטן, און איך האב געוואלט - אבער כ'האב געהאט מלחמות. אפילו כ'האב שוין אפגעמאכט אז איך וועל נישט זיין קיין ברסלב'ער, אבער ס'איז נישט געווען ברצון.

האב איך דערציילט ר' ישראל'ן אז ער האט מיט מיר אזוי און אזוי גערעדט. דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות געהאט, אז ר' ישראל האט גערעדט מיט מיר אזעלכע דיבורים - אז ס'איז געווארן פון די אלע גיפטן 'גארנישט'! איך בין געווארן צוריק דער אייגענער וואס ווי איך בין געווען פריער, ער האט אוועקגענומען פון מיר אלע גיפטן.

*

און דאס איז אלץ לימודים פאר אונז, ווארן אפילו היינט אז עס איז נישט דא אזעלכע גרויסע מתנגדים ווי אמאל, נו, אבער ס'איז נאך געבליבן, ס'איז נאך דא...

דער עולם, לומדים, די גדולים - אפילו מ'קוקט אריין אין א ספר - אבער דער 'חיזו דהאי עלמא' פארשטעלט!

און מיר - כאטש דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות געהאט איך זאל צוקומען צום הייליגן רבי'ן, אבער וואס מיר דארפן זיין און וואס מיר דארפן זעהן - איז נאכנישט דאס! מ'דארף נאך דאווענען ווייטער און ווייטער און ווייטער...

נו, מ'קען מאכן שלום - איך בין א ברסלב'ער, אבער איך מוז נאכנישט די גאנצע וועלט אוועקווארפן, מ'דארף געלט... דאס איז די מעשה פון די 'מדינה פון עשירות' - - 'ער רעדט קעגן די גאנצע וועלט'! 'וואס רעדסטו דא'?!...

*

רבי נתן איז געבוירן געווארן אין א שטוב פון תורה וגדולה. זיין שווער איז געווען א למדן, א תלמיד חכם, און א ירא שמים, נאר א ליטוואק [- מתנגד]. און רבי נתן איז אויך געווען א ליטוואק, ער איז דאך געווען א גדול, און ער איז געווען אן איידעם ביי א גאון, א צדיק. נו, דער רבי נתן האט געזעהן דעם רבי'ן האט ער אפגעלאזט די גאנצע וועלט און געבליבן ביים רבי'ן!

*

נו, און די מעשיות, און אזוי אין די תורות - יעדער תורה דארף זיין תמיד חדש! וואס הייסט חדש? געפונען נייע אור, נייע לימודים! דער עיקר לימוד אז ס'זאל אונז ברענגען צו וואס דער הייליגער רבי וויל אונז צוברענגען - דעם אמת'ן תכלית.

ביי דער וועלט קוקט מען אן עפעס אזעלכן ווי א משוגע'נעם - - עולם הבא? עס איז דא צייט צו עולם הבא! אצינדער?! מ'גייט אין שול אריין, מ'לייגט ציצית און תפלין - - אבער עולם הבא?!... אבער איך האב

געקענט א איד וואס ביי איהם איז געווען דער עיקר - זיין גאנץ לעבן - תמיד - א דיבור וואס ער האט גערעדט - אלסדינג איז נאר געווען וועגן תכלית...

און די גאנצע וועלט לאכט זיך אויס פון דעם. אבער דער הייליגער רבי הייסט אז מ'זאל מאכן א שיעור קבוע אלע טאג - א דרך פאר יעדן איד - מקטן ועד גדול - 'התבודדות'! מ'זאל אוועקגיין אין אן ארט ווי עס איז נישט דא קיין מענטשן דארט, און דארטן זאל מען זיך אויסרעדן דאס הארץ פאר השי"ת'ן, און בעהטן אלעס וואס מען דארף. דאס ערשטע דארף מען בעהטן אויפ'ן עיקר תכלית, און דערנאך קומט געלט - - יא.

און דער הייליגער רבי לאכט זיך אויס פון די גאנצע וועלט - אז 'ברויט מיט אוגערקעס' איז א גוט מאכל!...

און ווייטער איז דא א שיחה, דער הייליגער רבי זאגט; וואס איז די גאנצע שרעק? אז ער וועט נישט האבן קיין פרנסה - אז ער וועט נישט האבן קיין ברויט צו עסן וועט ער שטארבן? נו, וואס איז דא אזא גרויסע זאך? סיי ווי שטארבט מען דאך! ווען - אזוי לעבט מען אייביג און אזוי שטארבט מען - - אבער מ'דארף דאך סיי ווי סיי שטארבן! נו, וואס איז דעמאלטס?!...

[חסר קצת] - - 'שחורות כעורב' - זיין פנים איז שווארץ - 'שחורות'! [מ'לערנט;] 'שחורות כעורב' - און מ'גייט אוועק ווייטער... אבער דעם 'שחורות כעורב' דארף מען גוט פיהלן! מ'דארף גוט זעהן אז דאס פנים זאל זיין שווארץ - - ממאס זיין תאוות עולם הזה!

*